

# גרופע פאמיליע דעי קעיר און פאמיליע דעי קעיר אנפירער'ס וועגווייזער צו לייסענס באנייאונגען

EHS3305021 – 12.20

Yiddish

NYC Health

### פראווייזער אדער שטאב נאמען ענדערונגען

אויב אייער נאמען אדער דער נאמען פון איינע פון אייערע שטאב מיטגלידער טוישט זיך, מוזט איר אריינגעבן א קאפיע פונעם מענטש'ס רעגירונג-ארויסגעגעבענע פאטא ID מיטן באנייאונג אפליקאציע מאטריאל.

### ריסאורסעס:

**New York City Health Department Bureau of Child Care (ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט ביורא פון טשיילד קעיר)**
nyc.gov/health/childcare
311

**New York State Office of Children and Family Services - OCFS**
ocfs.ny.gov/main/childcare
518-474-9454

**New York City Child Care Resource and Referral Consortium**
nyccrr.org
888-469-5999

**SUNY Early Childhood Education and Training Program**
albany.edu/earlychildhood
800-295-9616

**LiveScan Fingerprinting MorphoTrust USA (LiveScan פינגערפרינטינג MorphoTrust USA)**
identogo.com
877-472-6915



NYC Health

# אויספולן אייער באנייאונג אפליקאציע

## באנייאונג אפליקאציע דעדליין

איר מוזט אריינגעבן אייער באנייאונג אפליקאציע **אמווייניגסטנס 60 טעג** פאר אייער רעגיסטראציע\לייסענס וועט אויסלויפן. איר מוזט געבן אייער אימעיל אדרעס אדער די אימעיל אדרעס פון אן אנדערן מענטש וואס איז באשטימט צו באקומען קאמיניקאציעס פון די New York State Office of Children and Family) Services ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס, OCFS).

## אינספעקציעס

אלס טייל פונעם באנייאונג פראצעדור, וועט די NYC דעפארטמענט פון העלט און מענטל הייגזשין (העלט דעפארטמענט) דורכפירן אן אינספעקציע. אין צוגאב, וועלן אלע פראגראמען ווערן אינספעקטירט יערליך און אין רעאקציע צו קלאגעס וואס מען האט אריינבאקומען.

## טרענירונג

שטאב טרענירונג ווערט פארלאנגט אלס טייל פון אייער באנייאונג. יעדע צוויי יאר, מוזט איר און אייער שטאב ערפולן 30 שעה פון טרענירונג. דער טרענירונג תקופה הויבט זיך אן ביים אנהויב דאטום פון אייער יעצטיגע רעגיסטראציע\לייסענס און האלט אן ביז דעם דאטום וואס עס לויפט אויס. איינמאל אייער פראגראם האט אריינגעגעבן א באנייאונג אפליקאציע און איר און אייער שטאב האבן ערפולט די 30 שעה טרענירונג פאדערונג פאר די רעגיסטראציע תקופה, ווערן סיי וועלכע צוגאבע טרענירונג (איבער די 30 שעה) וואס איר און אייער שטאב באקומען דורכאויס די תקופה גע'קרעדיט צום נייעם רעגיסטראציע תקופה. **אויב דאס איז אייער ערשטע באנייאונג**, קען די געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונג וואס מען האט באקומען פארן ארויסגעבן די לייסענס\רעגיסטראציע ווערן צוגעציילט צו די ערשטע 15 שעה פון טרענירונג.

א מינימום פינף שעה פון OCFS-באשטעטיגטע טרענירונג מוז מען באקומען יעדעס יאר, אדרעסירנדיג טעמעס וואס ווערן פארלאנגט דורך סטעיט און פעדעראלע געזעץ.

## פארלאנגטע טרענירונג טעמעס

די טרענירונג מוז דעקן נײן פארלאנגטע טעמעס:

1. יסודות פון טשיילדהוד דעוועלאפמענט, וואס קאנצענטרירט זיך אויף די אנטוויקלונגס פאזעס פון די עלטער מיט וואס דער פראגראם באפאסט זיך
2. נוטרישאן און געזונטהייט געברויכן פון קינדער
3. טשיילד דעי קעיר פראגראם אנטוויקלונג
4. זיכערהייט און סעקיוריטי פראצעדורן, אריינגערעכנט קאמיוניקאציע צווישן עלטערן און קעירגעבער
5. ביזנעס רעקארד מעינטענענס און פארוואלטונג
6. טשיילד אביוז און מיס-באהאנדלונג דערקענען און פארמיידונג
7. שטאטוטן און רעגולאציעס בנוגע טשיילד דעי קעיר
8. שטאטוטן און רעגולאציעס בנוגע טשיילד אביוז און מיס-באהאנדלונג
9. אידענטיפיקאציע, דיאגנאז און פארמיידונג פון שעיקען בעיבי סינדראם

איר מוזט געבן באווייז אז איר און אייער שטאב האבן פארענדיגט די טרענירונג ווען איר גיבט אריין אייער באנייאונג אפליקאציע. באווייזן קען אריינעמען א סערטיפיקאט, א בריוו פון אן אינסטראקטער אויף לעטערהעד, אדער אן אטענדענס ראסטער פונעם טרענירונג ארגאניזאציע. די דאקומענטן מוזן דערקלערן די נעמען פון די וואס זענען טרענירט, די טרענירונג וואס מען האט גענומען, די טעמעס וואס מען האט געדעקט, די צאל שעות וואס איר זענט טרענירט געווארן, און די אינסטראקטער'ס נאמען און אונטערשריפט.

אין צוגאב, ווען דער פראגראם גייט אן מוז אמווייניגסטנס איין קעירגעבער אויפן פלאץ האבן א גילטיגע CPR און ערשטע-הילף סערטיפיקאט פאסיג פאר די עלטער פון די קינדער אין קעיר, און אלע סערטיפיקאציעס פון CPR און ערשטע-הילף מוזן אנטהאלטן א פערזענליכע פעאיגקייט באשטאנדטייל.

## ווער ווערט טרענירט?

יעדע נייע ארבעטער און וואלונטיר וואס הויבט אן *נאך* איר האט באקומען די ערשטע לייסענסינג מוזן ערפולן אמווייניגסטנס 15 שעה פון טרענירונג אין איין אדער מער פון די נײן געפאדערטע טעמעס דורכאויס די ערשטע זעקס מאנאטן ביים ארבעט.

יעדע ארבעטער און וואלונטיר מוז ערפולן די OCFS-באשטעטיגטע טרענירונג וואס קומט נאך די פעדעראלע מינימום געזונטהייט און זיכערהייט פרי-סערוויס טרענירונג פאדערונגען אדער דריי-מאנאטיגע אריענטירונג תקופה טרענירונג פאדערונגען. די טרענירונג מוז מען באקומען איידער מען הויבט אן אדער ביז דריי מאנאטן פון אנהויבן א שטעלע. מענטשן וואס האבן ערפולט OCFS-באשטעטיגטע טרענירונג קען מען לאזן מיט קינדער אן קיין אויפזיכט. סיי וועלכע ארבעטער אדער וואלונטיר וואס ערפולט נישט די טרענירונג טאר מען נישט לאזן מיט קינדער אן קיין אויפזיכט ביז ווען די טרענירונג איז ערפולט געווארן.

**אויב איר פירט אן מער ווי איין לייסענסד אדער רעגיסטרירטע** פאמיליע-באזירטע דעי קעיר פראגראם, מוזט איר ערפולן טרענירונג אינעם פארוואלטונג און אדמיניסטראציע פון מערערע דעי קעיר צענטערן.

## וואו צו באקומען טרענירונג

רופט די New York City Child Care Resource and Referral Consortium (ניו יארק סיטי טשיילד קעיר ריסאורס און רעפערל קאנסארטיום) פאר אינפארמאציע בנוגע טרענירונג פראגראמען. איר קענט אויך באקומען אינפארמאציע בנוגע טרענירונג פראגראמען, אריינגערעכנט די -15שעה געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונג און אומזיסטע אי-לערנינג און ווידיאו-קאנפערענס טרענירונג, דורך זיך פארבינדן מיט די **SUNY Early Childhood Education and Training Program** (SUNY אוירלי טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם) אדער **OCFS**. ביטע מאכט זיכער אז אלע אנליין טרענירונג וואס איר ערפולט זענען באשטעטיגט געווארן דורך OCFS און מען קען עס רעכענען אלס טייל פון אייער 30 שעה טרענירונג פאדערונג.

## ווי אזוי צו באקומען געלטער פאר טרענירונג

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר טרענירונג סקאלערשיפ געלטער פונעם **עדיוקעישאנעל אינסענטיוו פראגראם (EIP)**, גע'ספאנסער'ט דורך OCFS. צו פארלאנגען אן EIP אפליקאציע, פארבינדט זיך מיט די **SUNY Early Childhood Education and Training Program**.



## נייע אויספירליכע בעקגראונד טשעקס

**אלע איינגעשטעלטע, וואלונטירן און סיי וועלכע מענטש אין עלטער פון 18 יאר אדער עלטער וואס וואוינען אין די היים וואו דער פראגראם געפינט זיך מוזן דורכגיין אן אויספירליכע בעקגראונד טשעק (CBC) וואס נעמט אריין דאס פאלגנדע:**

- ניו יארק סטעיט (NYS) קרימינאלע היסטאריע רעקארד טשעק מיט די אפטיילונג פון קרימינאלע דזשאסטיס סערוויסעס
- נאציאנאלע קרימינאלע רעקארד טשעק מיט די פעדעראלע ביורא פון אינוועסטיגעישאן (FBI)
- זוכעניש אין די NYS סעקס אפענדער רעגיסטרי
- דאטאבעיס טשעק פון די NYS סטעיטוויייד צענטראלע רעגיסטער פון טשיילד אביוז און מאלטריטמענט (SCR) אין איינקלאנג מיט חלק 424-a פון די סאשעל סערוויסעס געזעץ
- זוכעניש אין די נאציאנאלע סעקס אפענדער רעגיסטרי נוצנדיג די נאציאנאלע פארברעכן און אינפארמאציע צענטער

**כדי דורכצוגיין דעם CBC, מוז מען אריינגעבן א 6000 פעקל פאר אייער בארא אפיס, אריינגענעמענדיג דאס פאלגנדע:**

- OCFS-6000, פארלאנגטע פארמס און קלירענס ליסטע
- OCFS-6001, טשיילד קעיר פראוויידער, שטאב און וואלונטיר אינפארמאציע
- OCFS-6002, קוואליפיקאציעס
- OCFS-6003, רעפערענסעס
  - אלע נייע שטאב און סאבסטיטוטס מוזן אריינגעבן צוויי רעפערענסעס (איינס פון א געוועזענעם ארבעטסגעבער און איין פערזענליכע). אויב דער נייער איינגעשטעלטער האט נישט קיין פארגאנגענע פראפעסיאנאלע ערפארונג, מוזן זיי צושטעלן צוויי פערזענליכע רעפערענסעס.
- OCFS-6004, מעדיציניש
  - אלע נייע געהילפן, סובסטיטוטס און הויזגעזינד מיטגלידער מוזן אריינגעבן מעדיצינישע דערקלערונגען אונטערגעשריבן דורך א דאקטער ביז 12 מאנאטן איידערן אויסלויף דאטום פונעם רעגיסטראציע\לייסענס.
- OCFS-6005, קרימינאלע קאנוויקשאן דערקלערונג
- OCFS-6022, שטאב אויסשליסונג ליסטע (SEL)
  - איר מוזט פארלאנגען פונעם ניו יארק סטעיט דזשאסטיס צענטער פארן באשיצונג פון מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן דורכצופירן אן אונטערזוכונג פונעם SEL פאר אלע קעירגעבער און וואלונטירן וואס זענען אויפגענומען געווארן נאך יוני 30, 2013.
- OCFS-4930, פארלאנג פאר פינגערפרינטינג
  - פינגערפרינטינג ווערט צוגעשטעלט דורך MorphoTrust USA. מאכט זיכער צו נעמען די נויטיגע סארטן אידענטיפיקאציע און די אויסגעפילטע פארלאנג פאר NYS פינגערפרינטינג סערוויסעס פארם (OCFS-4930), אוועילעבל אויפן OCFS וועבזייטל.
- LDSS-3370, סטעיטוויייד צענטראלע רעגיסטער דאטאבעיס טשעק פארלאנג
  - עס קאסט $25 פער ארבעטער ווען דער פארם ווערט אריינגעגעבן צום בארא אפיס.

  אנגענומענע אופנים פון באצאלן זענען: סערטיפייד טשעק, פאסט אדער באנק מאני ארדער, טעלער'ס טשעק, אדער קאשיער'ס טשעק.

  איר מוזט אויך אויספילן און אריינגעבן א נייעם SCR פארם פאר **אלע נייע הויזגעזינד מיטגלידער אדער הויזגעזונד מיטגלידער וואס זענען געווארן 18 יאר** און זענען נישט געווארן גע'קלעיר'ט דורך די SCR זייט דעם לעצטן רעגיסטראציע. ביטע געבט אריין דעם פארם ווי שנעל עס איז מעגליך.

  ביטע שרייבט אויס די טשעק אדער מאני ארדער צו **New York State Office of Children and Family Services** און לייגט צו דעם אפליקאנט'ס נאמען. טשיילד קעיר פראגראם וואלונטירן אדער ראטגעבער אדער הויזגעזינד מיטגלידער דארפן נישט צאלן.

איינגעשטעלטע און וואלונטירן קענען אנהויבן ארבעטן איינמאל זיי געבן אריין דעם 6000 פעקל, האלטן זייער פינגערפרינטינג אפוינטמענט און געבן אריין א פינגערפרינט רעסיט און יעצטיגע מעדיצינישע פארם צום פראגראם. די מענטשן מוזן זיין אונטער אויפזיכט צו יעדע צייט דורך איינער וואס איז גענצליך גע'קלעיר'ט געווארן, ביז מען באקומט א ווייטערדיגע מעלדונג אז דער מענטש איז בארעכטיגט זיך אפצוגעבן מיט קינדער באזירט אויף די רעזולטאטן פונעם CBC.